ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## ד' תמוז תשס"ו

## פרשת קרח

טייערע קינדער שלוחים,

האט איר אמאל געהערט וועגן א טאטע וואס האט טויזנטע קינדער? דער רבי – אונזער טאטע – האט טויזנטע קינדער – אונז, זיינע חסידים.

און יעצט, ווי אלעמאל, ווילן מיר פארשטארקן אונזער פארבונד מיט אונזער טאטן. דעם דאנערשטיג איז ג' תמוז. צוועלף יאר זינט ג' תמוז תשנ"ד. ווער האט אמאל געחלומ'ט אז חסידים זאלן אזוי לאנג זיין אין אזא שווערן צושטאנד? ווער האט אמאל געחלומ'ט אז עס וועט נעמען אזוי פיל צייט ביז מיר וועלן זען אונזער רבי'ן נאכאמאל?

דער צער איז אומבאגרעניצט, אבער, ווי אין יעדען מצב, זוכן מיר וואס דער רבי האט ערקלערט אויף דעם. נאך די הסתלקות פון דעם פריערדיקן רבי'ן, האט דער רבי גערעדט וועגן יעקב אבינו. דער רבי האט ערקלערט וואס עס שטייט וועגן יעקב אבינו, "מה זרעו בחיים, אף הוא בחיים", דורך דעם וואס יעקב'ס קינדער לעבן , א לעבן איינגעפירט לויט זיינע הוראות, לעבט ער אויך. קינדער, עס איז אייער אחריות און זכות צו טאן וואס דער רבי האט אונז געהייסן און צו מאכן זיכער אז אונזער טאטע'ס לעבן זאל ווייטער אנגיין. דורך פירן זיך אין דעם רבי'נס וועגן, באווייזן מיר אז מיר זיינען טאקע ניט אליין: דער רבי –אונזער טאטע –לעבט מיט אונז.

צוזאמען דערמיט, בעטן מיר נאך ווייטער: "רצוננו לראות את מלכנו" מיר ווילן שוין זען אונזער רבי'ן בגשמיות. מיר ווילן שוין זען דעם רבי'ן שמייכלען צו אונז ווען ער וועט אונז געבן דאלארן און כוס של ברכה. און זיכער וועלן מיר שוין אט באלד זען דעם רבי'ן און דער רבי וועט אייך אפדאנקען אויף אלץ וואס איר האט געטאן צו ברענגען משיח וואס שנעלער!

א. וועכטער

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת קרח

שבט לוי

אין דער סדרה פון דער וואך ווערט דערציילט וועגן שבט לוי, וויאזוי דער אויבערשטער האט זיי אויסגעקליבן צו זיין די פארשטייער פון דעם אידישן פאלק אויף צו טאן די עבודה פאר דעם אויבערשטן אין משכן און אין מקדש, אויף צו מקריב זיין קרבנות, און אז דורך דעם ברענגען זיי אראפ די ברכות פון דעם אויבערשטן פאר דעם גאנצן אידישן פאלק, וואס דערפאר האט מען פון די לויים אויסגעקליבן די כהנים אז זיי זאלן בענטשן דעם אידישן פאלק.

דאס איז געווען ווען דער בית המקדש איז געווען קיים. אויך איצט, ווען ס'איז ניטא די זאך בגשמיות ("פיזיקלי"), איז אבער דער אינהאלט אין רוחניות, אין נשמה לעבן – פאראן אויך איצט.

ווי דער רמב"ם ערקלערט, אז די עבודה פון שבט לוי איז פאראן אויך איצט ביי יעדן איינעם פון אידישן פאלק. און דאס איז דורך דעם וואס מען קלייבט אויס צו גיין אין דעם וועג צו עוסק זיין אין דער ג-טלעכער עבודה, אויף צו איבערגעבן זיך צום לימוד התורה און קיום המצוות, און נישט נאר פאר זיך נאר פאר יעדן איינעם פון אידישן פאלק, איז דעמאלט, א חוץ דעם וואס ער באקומט אלץ וואס ער נויטיגט זיך, ווערט צוגעגעבן אין די ברכות פארן גאנצן אידישן פאלק.

קומט אויס, אז ווען אינגלעך און מיידלעך גייען אין א ישיבה, זיי לערנען דעם אויבערשטנ'ס תורה און פירן זיך אויף אין דער פאסיקער אויפפירונג, און זיינען מקיים מצות אין אן אופן וואס דאס גיט א ביישפיל פאר אלע אידן ווי מען דארף זיך אויפפירן - זיינען זיי אזוי ווי שבט לוי און די כהנים וואס זיינען געווען אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געווען קיים, און עס ווערן זיי געגעבן דעם אויבערטשנ'ס ברכות אין אלץ וואס זיי באדארפן. און דורך זיי קומט דאס אן אויך צו זייערע עלטערן, צו די וואס לערנען מיט זיי און צו די וואס פירן אן מיט זיי: און דורך זיי צו דעם גאנצן כלל ישראל.

פון דעם לערנען מיר אפ, אז אין די יארן ווען מ'איז זוכה צו זיין אין ישיבה, און צו לערנען דארט בהתמדה, און צו אויפפירן זיך ווי עס באדארף צו זיין - דארף מען פילן אז דאס איז די **גרעסטע** זאך וואס קען זיין ביי אידן: מיט דעם איז מען פון די כהנים און די לויים, וואס דורך דעם איז מען מקבל די ברכות אין אלץ וואס מען נויטיקט זיך, וואס די עלטערן נויטיקן זיך, און דורך דעם צו דעם גאנצן כלל ישראל.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער, שיחת כ"ד סיון תש"כ)*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org



# דערציילט מיר א מעשה

אברהם האט געהאט א שאלה אויף וועלכער ער האט געזוכט אן ענטפער. ער האט געפרעגט זיינע עלטערן טאג און נאכט: וואס מיינט עס צו זיין א איד? זיינע עלטערן האבן ניט געוואוסט פונקט וואס צו ענטפערן, האבן זיי געשיקט אברהם אין א תלמוד תורה יעדן זונטיג. דארט האט ער געלערנט דעם א–ב און שמע. יעדע נאכט פלעגט אברהם זאגן שמע און בעטן דעם אויבערשטן אים צו העלפן אריבערגיין אין א אידישע 'סקול'.

אין דעם זומער נאך זיין בר מצוה, איז זיין משפחה געפארן אויף א וואקאנס. דארט האט אברהם געטראפן א פרומען בחור וואס האט אים באוויזן וויאזוי צו לייגן תפילין. ער האט געפרואווט ענטפערן אויף די שאלות וואס אברהם האט געהאט ווי ווייט ער האט געקענט, אבער ער האט אים געזאגט אז פאר אלע ענטפערס וועט אברהם זיך דארפן פארבינדן מיט ליובאוויטש, "ווייל זיי העלפן אידן וועלכע ווילן לערנען מערער וועגן אידישקייט."

א פאר טעג שפעטער איז אברהם געגאנגען אין גאס. ער האט געזען א "מצוה טאנק". אויף דעם איז געשטאנען "חב"ד ליובאוויטש". ער איז געווען גאר צופרידן. די בחורים אין דעם 'טאנק' האבן אים געהאלפן און ער איז געגאנגען צו א גן ישראל קעמפ. ער האט אנגעהויבן באקומען ענטפערס צו זיינע שאלות.

נאכן קעמפ, האבן זיינע עלטערן געזען ווי צופרידן אברהם איז געווען. זיי האבן אים געגעבן רשות צו גיין לערנען אין א ישיבה אין קראון הייטס.

איין מאל, אויפן וועג צוריק צו קראון הייטס פון זיין שטוב האט אברהם געפונען א פארפאלק וועלכע זיינען געווען קלויזנבורגער חסידים - משפחת ק. ער האט גערעדט מיט הרב ק. און איז מיט דער צייט געווארן זייער נאענט מיט אים. דעם נעקסטן שבת איז ער געפארן צו זיי. אין די נעקסטע פאר יאר האבן זיי געהאלפן אברהם מיט אלץ – ברוחניות און בגשמיות.

אברהם איז דערוואקסן געווארן און איז געווארן א חתן מיט שרה – א חסידישע מיידל מיט פיינע מידות. די כלה, די עלטסטע פון איר משפחה, איז געבארן געווארן צו אירע עלטערן דורך א ברכה פון רבי'ן נאך אסאך יארן וואס זיי האבן ניט געהאט קיין קינדער. אין דעם טאג פון דער חתונה איז אברהם אריינגעגאנגען אויף יחידות צום רבי'ן מיט זיין שווער און מיט הרב ק. וועלכער האט אים אזוי פיל געהאלפן במשך די יארן.

הרב ק.האט געבעטן דעם רבי'ן ער זאל העלפן אברהם מיט זיין ווייטערדיקן לעבן. דער רבי האט געבענטשט הרב ק. פאר זיין הילף, און האט צוגעזאגט זיינע ברכות פאר דעם נייעם פארפאלק.

צוזאמען האבן אברהם און שרה אויפגעשטעלט אן אמת'ע אידישע חסידישע שטוב. נאר איין זאך האט געפעלט. צוועלף יאר זיינען אריבער זינט זייער חתונה און זיי האבן נאך ניט געהאט קיין קינדער.

הרב ק. האט זיי זייער געוואלט העלפן. ער האט צוזאמען גערופען א מנין פון מענטשן און זיי זיינען אלע צוזאמען געפארן אויפן אהל הק' צו בעטן דעם רבי'ן צו פועל'ן א ישועה פאר אברהם און שרה.ביים אהל האבן אלע געדאווענט צוזאמען. הרב ק. האט געוויינט, "רבי איך האב געטאן אלץ וואס איך האב געקענט צו העלפן דעם פארפאלק. זיי האבן געטאן אלץ וואס זיי האבן געקענט. איר האט זיי צוגעזאגט אין דעם טאג פון זייער חתונה אלע ברכות. דער רבי מוז זיי העלפן!" דער מנין האט געזאגט תהילים, און הרב ק. האט געשריען: "רבי, העלפט!"

*אין א יאר ארום האט שרה געבוירן א זון!*

ביי דער וואך–נאכט, די נאכט פארן ברית, האט הרב ק. גערעדט. ער האט אלעמען דערציילט וויאזוי ער איז געפארן מיט א מנין צום אהל און געבעטן פאר קינדער פאר זיי. דערנאך האט ער זיך געוואנדען צו אלע וועלכע זיינען דארט געווען ביי דער וואך–נאכט און געזאגט: " פונקט אזוי ווי דעם רבי'נס ברכות האבן אונז פריער געהאלפן, אזוי לעבן מיר יעצט אויך אויף דעם. די ברכות פון רבי'ן האבן געבראכט שרה אויף דער וועלט. די הוראות פון רבי'ן האבן געשיקט די טאנקיסט'ן וועלכע האבן געהאלפן אברהם'ן צוריקקומען צו אידישקייט, און די ברכות פון רבי'ן האבן געהאלפן אברהם און שרה אין זייער געבעט אויף א קינד. דער רבי העלפט אונז יעצט, פונקט אזוי ווי פריער."

*קינדער, מיר קענען קיינמאל ניט פארלירן האפענונג. מיר מוזן ווייטער דאווענען, און וויסן אז אונזערע תפילות וועלן מקויים ווערן, בעיקר די תפילה אויף משיח נאו!*



## משיח נאו!

אין משיח'ס צייטן וועט שיינען דאס העכסטע ליכט פון אויבערשטן אין דער וועלט. דאס ג–טליכע ליכט וואס וועט שיינען אין דער וועלט וועט זיין העכער אפילו פון די הייליקייט אין גן עדן העליון!

דאס איז די סיבה פארוואס אלע אבות, משה רבינו, און אלע צדיקים פון אלע דורות, וועלן צוריק אראפקומען אין דער וועלט אין א גוף; ווייל די וועלט וועט דעמאלט זיין דער העכסטער פלאץ!

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
בן הרה"ח ר' **נפתלי** שו"ב ע"ה **יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# ג׳ תמוז

מוצאי שבת, אור לג׳ תמוז, האט זיך פארשפרייט די ידיעה איבער דער גאנצער וועלט. מענטשן האבן ניט געגלויבט, ניט געוואלט גלויבן. צו קען דאס טאקע זיין אמת?! אונזער רבי, וועלכער האט אונז צוגעזאגט אז אונזער דור איז דער דור פון גאולה, איז צוגענומען געווארן פון אונז? דער "שאק" און טיפער צער איז געווען ניט צו פארליידן. מענטשן פון ארום דער גאנצער וועלט זיינען געקומען צו פארן צו 770 יענעם טאג; אידן פון אלע פארשידענע קרייזן און אויך – להבדיל – ניט אידן. אלע האבן געפילט דעם צער פון איינעם וואס האט פארלוירן א טאטע. די טעג נאכדעם זיינען אריבער ווי אין א שלעכטען חלום. די וועלט האט זיך צוגעקוקט און געוואונדערט: וואס וועט זיין מיט חסידים? וואס וועט זיין מיט שליחות? וועלן אלע שלוחים יעצט אפלאזן זייערע פאסטען׳ס? וועלן אלע מוסדות זיך פארמאכן? און וואס וועט זיין מיט דעם רבי׳נס ווערטער וועגן דער גאולה?

אבער, טייערע קינדער, עס האט ניט גענומען לאנג ביז אלע האבן געזען אז חסידים און חסידות גייען אן ווייטער, ווייל חסידים זיינען ניט אליין – דער רבי איז מיט אונז. דער רבי וויל ניט אז מיר זאלן נאר וויינען און טראכטן וועגן דעם צער; דער רבי ערווארט פון אונז אסאך מער. דער רבי וויל אז מיר זאלן ווייטער טאן זיין שליחות בשמחה און דורך דעם פועל׳ן די התגלות פון משיח.

אין א שיחה פון ג׳ תמוז, האט דער רבי גערעדט וועגן דעם נס וועלכער איז געשען אין יהושע׳ס צייטן ווען די זון האט זיך אפגעשטעלט. די אידן זיינען דעמאלט געווען אין מיטן א מלחמה, און יהושע האט געבעטן ביים אויבערשטן אז די זון זאל בלייבן שטיין אין הימל און ניט פארגיין. ער האט געדארפט האבן די ליכטיקייט פון דער זון צו קענען פארענדיקן די מלחמה. די זון איז געבליבן שטיין אין הימל, און האט געשיינט ביז יהושע האט געענדיקט דעם קריג מיט די גוים. דאס זעלבע איז ריכטיג אויך יעצט: אונזערע זון – דער רבי – שיינט נאך אלץ קלאר און שטארק פאר אונז. דער רבי איז מיט אונז און העלפט אונז דורכגיין אונזערע שוועריקייטן.

מיר ווייסן אז זינט יענעם ג׳ תמוז צוועלף יאר צוריק איז די וועלט פון שליחות געוואקסן זייער גרויס. אויך ווייסן מיר אלע וועגן אסאך פאסירונגען מיט מענטשן וועלכע זיינען געהאלפן געווארן מיט ברכות פון דעם רבי׳ן, דורך גיין און דאווענען ביי זיין הייליקן ציון. חסידים לערנען ווייטער זיינע שיחות, מאמרים און אגרות קודש, און דאווענען אין זיין הייליגער שול – 770 .
מיר ווייסן אז זיכער איז דער רבי אויך ווייטער מיט אונז, און זיינע הייליקע ווערטער אז "הנה הנה משיח בא" וועלן זיכער מקויים ווערן, ווי זיינע אלע אנדערע נבואות וואס זיינען מקויים געווארן!



## מיין רבי

**דו פרעגסט "ווער איז דער רבי?"**
**איך וועל דיר זאגן אצינד**
***ער איז מיין טאטע***
***און איך בין זיין קינד.***
**איך קוק אויף זיין בילד און איך ווייס גוט און קלאר**
**אז דער רבי איז מיט מיר יעדן טאג פון דעם יאר.**
**וואו נאר איך גיי, בין איך ניט אליין**
**ווייל איך בין זיין שליח, ער קומט מיט מיר צוגיין.**
**ער גיסט אויף מיר ברכות, ווייל נאר ער אליין,**
**ווייסט פונקט וואס איך דארף, נאר ער קען פארשטיין.**

**יעצט דו האסט א שאלה, און דו ווערסט מיר פרעגן,**
**וואס טו איך ספעציעל פאר מיין טאטע, מיין רבי׳ן?**
**איך טראכט אויף מיין רבי׳ן גלייך ווען איך הויב אן מיין טאג,**
**איך גרייט זיך אויף גאולה, ווי ער האט געזאגט.**
**איך זאג זיין קאפיטל מיט ליבשאפט אנגעפילט,**
**איך קוק יעדן טאג אויף זיין הייליקן בילד.**
**איך באוויז מיינע פריינט די אויפפירונג פון א איד**
**איך דערצייל זיי אויפן רבי׳ן ווייל איך בין זיין חסיד!**

**יעצט איך האב א געבעט פון מיין טאטע, מיין רבי׳ן**
**איך האב עפעס גרויס וואס איך וויל פון אייך בעטן.**
**צו אלע מיינע פריינט דא, האב איך געזאגט,**
**צו דערווארטן משיח׳ן, בכל יום– יעדן טאג.**
**און רבי, זיי ווארטן, איך ווארט אויך מיט זיי,**
**און עס ווערט אונז שוין שווער, מיר געבן א געשריי.**
**"עד מתי?" טייערע רבי, מען טוט וואס מען קען,**
**און יעצט, טייערע רבי, מיר ווילן אייך זען.**
**ביים גאולה שלימה מיט א שמייכל אצינד,**
***ווייל דו ביסט מיין טאטע***
***און איך בין דיין קינד!***

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת קרח

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך,**
**און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

## שרייב אריין די משפחה פון קרח




ווער איז געווען קרח'ס טאטע ________________

ווער איז געווען קרח'ס זיידע ________________

וויפל פעטערס האט קרח געהאט ________________

וויאזוי איז ער געווען פארוואנדט ("רעלייטעד") מיט
משה און אהרן ________________

וויפל זין האט לחי געהאט? ________________

**די געווינער פון פרשת שלח: מנחם מענדל מונדשיין, 6**

# הצלחה רבה

נאמען:________________ ווי אלט:_____

אדרעס:________________

________________

אימייל:________________